**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/29/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מוטיגט מענטשן וועלכע באקומען רעגירונג פראגראמען זיך צו באשיצן פון קארטל 'סקימינג'**

***גנבים נוצן 'סקימינג' דעווייסעס צו גנב'נען בענעפיטן פון מענטשן וואס נוצן עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער קארטלעך***

***פעדעראלע פינאנצירונג ביל רעכנט אריין סעיף צו גיבן מער הילף פאר קורבנות פון בענעפיטן גנבים***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער וועלכע באקומען רעגירונג פראגראמען דורך אן עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער (Electronic Benefit Transfer, EBT) קארטל צו אונטערנעמען שריט זיך צו באשיצן פון קרימינאלן וועלכע נוצן לעצטנס "סקימינג" דעווייסעס פון מענטשן וועלכע פארדעכטיגן גארנישט. די גאווערנער האט אויך באדאנקט ניו יארק'ס קאנגרעסיאנאלע דעלעגאציע פאר זייערע באמיאונגען צו פארזיכערן צוויי יאר פון פעדעראלע פינאנצירונג צו צושטעלן נאך הילף פאר מענטשן וועלכע באקומען בענעפיטן פון די סאפלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP [אין די פארגאנגענהייט גערופן פוד סטעמפס]) און זענען באגנב'ט געווארן בענעפיטן.

"עס לייגט זיך נישט אויפן שכל אז גנבים גנב'נען SNAP בענעפיטן פון טייל פון אונזערע שוואכסטע ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך מוטיג אלע מענטשן וואס נוצן EBT קארטלעך צו בלייבן וואכזאם און זיך באשיצן, און איך באדאנק סענאטארשע דזשיליבראנד און די ניו יארקע קאנגרעסיאנאלע דעלעגאציע פאר זייערע באמיאונגען צו אדרעסירן די אנגעלעגנהייט וואס איז געווארן א נאציאנאלע פראבלעם."

די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance) וואס איז פאראנטווארטליך אויף דעם SNAP פראגראם אין ניו יארק סטעיט האט אנטוויקלט אויפקלערנדע מאטעריאלן צו אינפארמירן EBT קארטל באניצער איבער שריט וואס זיי קענען אונטערנעמען צו באשיצן זיך און זייערע בענעפיטן. א ווידעאו אונטערן קעפל ["Act Fast!" (נעמט אונטער שנעלע שריט)](#) און א פאמפלעט אונטערן קעפל ["Protect Yourself from EBT Skimming" (באשיצט זיך פון EBT סקימינג)](#) זענען פארעפנטליכט צו דאַונלאָודעד און מיטגעטיילט ווערן אויף סאָושעל מידיע אין ענגליש און אין [ספאַניש](#).

ביים איינקויפן זאלן מענטשן אונטערזוכן די קארטל לייענער מאשין פאר באהאפטענע מאשינדלעך וועלכע באהאלטן מעגליך חלקים פון די מאשין אדער סיי וואס וואס קוקט אויס אומגעוועגטליך ווי צייכענעס פון קלעב אדער געשעדיגטע אדער אפגעבראכענע חלקים. אויב איינער האט א פארדאכט אז עפעס איז נישט ריכטיג מיט די מאשין זאלן זיי נישט נוצן זייער קארטל נאר אויפמערקזאם מאכן א

געשעפט מענעדזשער און זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע דעפארטמענט פון סאָושעל סערוויסעס און אזוי אויך די לאקאלע פאליציי.

אין צוגאב, זאלן EBT קארטל באניצער:

- באשיצן זייערע בענעפיטן דורכן איבערדעקן די PIN קנעפלעך ווען זיי לייגן אריין זייער PIN.
- טוישן די PIN אפט און עס נישט מיטטיילן מיט קיינעם. עס איז די בעסטע באלד צו טוישן די PIN גלייך נאך יעדע באנוץ.
- איבערקוקן זייער EBT אקאונט אויף א רעגלמעסיגן פארנעם צו זעהן אויב עס זענען דא אומאויטאריזירטע טשארדזשעס.
- אויב א טשארדזש ווערט צוריקגעוויזן אומערווארטעט אדער אויב עס קומט ארויף אן 'ערראר קאָוד', פארבינדט אייך מיט די EBT קאסטומער סערוויס הילף ליניע צו פעסטשטעלן די טשארדזשעס אויף די אקאונט.

אריבער די גאנצע לאנד נוצן גנבים קארטל 'סקימערס' וועלכע ווערן ארויפגעלייגט פארשטעלטערהייט העכער קארטל לייענער מאשינען אין ארנטליכע געשעפטן צו דירעקט קאפירן קארטל און PIN אינפארמאציע פון EBT באניצער. שווינדלער האבן געקענט נוצן די געגנב'טע אינפארמאציע צו מאכן א טאפלטע קארטל, זיי ערמעגליכנדיג צו צוקומען צו די איינגעבראכענע אקאונט און נוצן די בענעפיטן.

וויבאלד די סקימינג דעווייסעס לאזן אריבער אויך טשארדזשעס פון די אריגינעלע קארטל אומגעשעטערט, כאפן קורבנות געוועגטליך נישט אז זיי זענען געפאלן א קורבן ביז די קומענדיגע מאל ווען זיי פרובירן צו איינקויפן עפעס אדער ווען זיי קוקן איבער זייער אקאונט באלאנס.

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "צאללאזע ניו יארקער פארלאזן זיך אויף SNAP צו פיטערן זייערע פאמיליעס, און זיי טארן נישט געלאזט ווערן זיך צו זארגן איבער געוויסנלאזע פארשוינען וועלכע גנב'נען די מערסט קריטישע בענעפיטן. מיר זענען דאנקבאר אז אונזער קאנגרעסיאנאלע דעלעגאציע נעמט אונטער שריט צו העלפן אדרעסירן דאס וואס איז געווארן א נאציאנאלע פראבלעם, און מיר מוטיגן אלע וואס באקומען SNAP צו זיין אויפמערקזאם איבער זייערע בענעפיטן און בלייבן אינפארמירט כדי צו וויסן וויאזוי צו באשיצן זיך אליין און זייערע פאמיליעס."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, דעניעל וו. טיעץ, האט געזאגט,**"SNAP שטעלט צו קריטישע הילף פאר פאמיליעס מיט קינדער, עלטערע מענטשן, אזעלכע מיט דיסאביליטיס און אזוי אויך ארבעטענדע פאמיליעס וועלכע מוטשענען זיך צו שטעלן עסן אויפן טיש. עס איז נישטא קיין שום סיבה פארוואס ניו יארקער וועלכע זענען בארעכטיגט פאר די הילף זאלן נישט קענען באקומען צוגעלייגטע בענעפיטן צו קענען פיטערן זיך און זייערע פאמיליעס נאכן פאלן א קורבן, און מיר זענען דאנקבאר פאר אונזערע פעדעראל-ערוויילטע בעאמטע פאר זייערע שריט צו פאררעכטן די אומיושר."

ניו יארק'ס קאנגרעסיאנאלע דעלעגאציע האט געארבעט צו זיכער מאכן אז ווערטער זענען צוגעלייגט געווארן צו די פאראייניגטע פארטיילונגען געזעץ (Consolidated Appropriations Act) פון 2023 צו ערלויבן גניבה קורבנות צו האבן ביז צוויי חודשים פון בענעפיטן פארגוטיגט נוצנדיג פעדעראלע געלטער פאר די יעצטיגע און בעפארשטייענדע פעדעראלע פיסקאלע יאר. די סטעיט ארבעט אויך מיט די USDA צו טרעפן אפציעס צו פארשטערקערן די זיכערהייט פון EBT קארטלעך.

**סענאטאר טשארלס ע. שומער האט געזאגט,** "עס טאר נישט זיין אז אפילו איין ניו יארקער זאל בלייבן הונגעריג צוליב א 'סקימינג' שווינדל. SNAP איז קריטיש פאר מיליאנען פון שוואכערע עלטערע מענטשן,

פאמיליעס און דיסעיבעלד מענטשן וועלכע זענען אנגעוויזן אויף בענעפיטן פאר הילף מיט עסנווארג אבער זענען געווען אין סכנה פון האבן די רעטונג שטריק אוועקגעריסן פון זיי ווייל זיי זענען געפאלן א קורבן צו קרימינאלן אומשולדיגערהייט. דאס איז די סיבה פארוואס, ארבעטנדיג צוזאמען מיט סענאטארשע דזשיליבראנד, האבן מיר ארייגעלייגט באשיצונגען אין די שפענדונג ביל פון סוף יאר צו היטן אויף מענטשן'ס געלט און איוסשטרעקן א האנט צו קורבנות פון שווינדל כדי זיי זאלן קענען צוריקבאקומען זייערע בענעפיטן."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "עס טאר נישט זיין אז אפילו איין מענטש זאל בלייבן הונגעריג ווייל זיי זענען געפאלן א קורבן צו אן אידענטיטעט גניבה אדער צו א 'סקימינג' שווינדל. מיר ארבעטן שווער צו גיבן פאר גאווערנער האקול די כלים וואס זי דארף צו פארערעכטן די אומיושר, ארייננרעכענענדיג דורכן האבן פארזיכערט דאס ארײנלייגן סעיפים אין די שפענדונג ביל פון סוף פון פיסקאלע יאר 2023 צו נאכאמאל גיבן SNAP בענעפיטן פאר די וועלכע זענען באגנב'ט געווארן פון זיי. SNAP איז א רעטונג שטריק פאר מיליאנען ניו יארקער, און איך וועל פארזעצן אלעס אין מיין כוח צו באשיצן די פאמיליעס וועלכע פארלאזן זיך דערויף."

**קאנגרעספרוי גרעיס מענג האט געזאגט,** "SNAP בענעפיטן העלפן צושטעלן פאר טייל פון די שוואכסטע מיטגלידער פון אונזערע קאמיוניטיס די עסן און נערונג וואס זיי דארפן צו פירן געזונטע לעבנס, און עס איז וויכטיג אז די בענעפיטן זאלן באשיצט ווערן. עס איז טרויעריג אז גנבים קומען אן צו אזא נידעריגע שטאפל צו באגנב'נען נויטבאדערפטיגע פאמיליעס און קינדער, אבער דאס איז געווארן גאר אן ערנסטע מציאות פאר פילע EBT קארטל באניצער. כאטש עס איז נאך דא מער ארבעט צו געטוהן ווערן צו ברענגען א פולקאמע ענדע צו דעם פראבלעם, דאך בין איך שטאלץ מיט די ארבעט וואס איך, צוזאמען מיט קאנגרעספרוי וועלאַזקעז, פירער שומער און סענאטארשע דזשיליבראנד, האבן עררייכט צו העלפן באשיצן די געלטער און פארגוטיגן די וועלכע זענען געפאלן קורבנות פון SNAP בענעפיטן גניבה. איך מוטיג יעדן צו אונטערנעמען די נויטיגע שריט זיך צו באשיצן פון פאטענציאלע EBT גניבה, און אויב אזא גניבה געשעהט, זיך באלד צו פארבינדן מיט אונזערע אפיסעס."

**קאנגרעסמאן עידריאַנאָ עספּאַיאַט האט געזאגט,** "איך און מיינע קאלעגן האבן געארבעט מידלאזערהייט צו פארזיכערן פעדעראלע געלטער צו פארברייטערן די סאפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם אריבער אונזער סטעיט, און עס איז אומפארגעבליך אז בייזוויליגע פארשוינען נוצן אויס שוואכע מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי וועלכע דארפן די מערסטע די בענעפיטן. מיר האבן לעצטנס אריבערגעפירט א סעיף אין די כללות'דיגע שפענדונג ביל צו פארמיידן SNAP סקימינג, און אין די צייט וואס באמיאונגען זענען פאר צו העלפן איינוואוינער באקומען SNAP פראגראם בענעפיטן, מוטיג איך יעדן צו זיין וואכזאם פון מעגליכע שווינדלערייען וועלכע פרובירן צו איוסנוצן די סערוויסעס, און ווען עס איז דא א ספק, זיך צו פארבינדן מיט די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף דירעקט פאר הילף מיטן פארענדיגן דעם אפליקאציע פראצעדור."

**קאנגרעסמאן דזשאָ מארעלי האט געזאגט,** "עס איז זייער שווער צו פארשטיין פארוואס מענטשן זאלן גנב'נען SNAP בענעפיטן וועלכע זענען געווידמעט צו פיטערן נויטבאדערפטיגע פאמיליעס. איך בין שטאלץ צו האבן אריבערגעפירט א רייע פעדעראלע געלטער בילס וועלכע רעכענען אריין א צוויי-חודשים'דיגע פארגוטיגונג פון געגנב'טע בענעפיטן פאר מענטשן וואס באקומען בענעפיטן. דאס איז איין טריט וואס מיר קענען אונטערנעמען צו ארויסהעלפן, אבער עס איז אויך וויכטיג צו זיין וואכזאם און זיכער מאכן אז איר פאלט נישט א קורבן צו א סקימינג דעוויס."

סיי ווער וואס גלויבט אז זייערע בענעפיטן זענען געגנב'ט געווארן זאל זיך פארבינדן מיט די EBT קאסטומער סערוויס הילפס-ליניע אויף 1-888-328-6399 אדער קענען זיי גיין צו [ConnectEBT.com](http://ConnectEBT.com) און דאס באריכטן כדי זיי זאלן קענען באקומען א נייע קארטל. פארדעכטיגנדע קורבנות זאלן זיך אויך

פארבינדן מיט זייער לאקאלע דעפארטמענט פון סאָושעל סערוויסעס צו באריכטן אז זייערע בענעפיטן זענען געגנבע'ט געווארן און זיי זאלן אריינגעבן א פאליציי באריכט ביי זייער לאקאלע פאליציי דעפּארטמענט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418